אַכצענע פאָן יודישען לעבין / אַנשטאַט אַראַמאַן"-מיט אַ במקום הקדמה פון יהושע מ. (דרוק אברהם פעדער, לובלין, 1897, ז"ו 16).

**מיזעס** (מיזיש) **מתתיהו** (30/VI 1885 — ) געב. אין פשעמישל, מיטל־גאַליציע. זיין פאָטער, יעקב־יהושע, אַ גרויסער משכיל, אַ קענער פון דער פראַנצויזישער און לאַטיינישער ליטעראַטור, אַ גרויסער סוחר און אָנגעזעענער מיטגליד פון דער קהילה



(1857—1920, זע וועגן אים ליפפעס "אסף המזכיר"), האָט געשטאַמט פון גרויסע גאונים, ווי ר' יהושע פאָלאַק, דעם מחבר פון "פני יהושע", ר' אליעזר אַמסטערדאַמער, איז געווען גאָענטע משפחה פון די בעלזער צדיקים, אַן אייניקל פון אַ ברודער פון יהודה־לייב מ., דעם פירער פון דער השכלה־באַוועגונג אין גאַליציע. די מוטער שטאַמט פון דער אָנגעזעענער פשעמישלער פאַמיליע גאַנז. יידישע לימודים געלערנט אין חדר און ביים פשעמישלער רב ר' חיים־צבי גלאַזער, וועלטלעכע בילדונג באַקומען ביי פריוואַטע לערער. זינט 1910 יאָרנלאַנג געאַרבעט אין די אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעקן פון בערלין און ווין. שוין צו 15 יאָר אָפּגעדרוקט אַ שיר אין "המגיד", די אייגנטלעכע ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1904, פאַרעפנטלעכט הונדערטער פאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין קראָקעווער "המצפה", "הירדן" (סטאַניסלע 1906), "העולם", "העתיד", אין דער העברעישער ענציקלאָפּעדיע "אוצר ישראל". אַלס פּוילישער זשורנאַליסט זיך באַטייליקט אין דער לעמבערגער פרעסע, אין קראָקעווער יידישן Nowy Dziennik, 1919–20, אין די ציוניסטישע Wschód, Moriah פאַרעפנטלעכט אויך וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין בלאַכס Österreichische Wochenschrift 1916—19 א"א דייטש־יידישע און אַלגעמיין־דייטשע אָרגאַנען (לעצטנס אין "היום" פון 16/IV 1926 אַן אַרטיקל "איזהו השם הלאומי של ישראל"). אַלס הייסער פאַרטיידיקער פון דער יידישער שפּראַך איז מ. אויפגעטרעטן מיט די אַרטיקלען "בזכות השפה היהודית" און "עוד מלים אחדות בדבר השפה היהודית" אין "העולם" 1907, 21—22, 26, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק מיט סאָקאָלאָוו, אין "לשאלת הלשון היהודית" אין ש. הורוויטשעס "העתיד" 1910, III, אַלס ענטפער אויף דעם אַרטיקל פון אחד־העם "ריב לשונות". אויף דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ האָט ער געהאַלטן אַ וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט וועגן דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, און לויט פרצעס פאַרשלאָג האָט דאָס ביוראָ פון דער קאָנפערענץ באַשלאָסן דעם רעפעראַט אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרם אַלס פּראָפּאַגאַנדע־ווערק פאַר יידיש, אָבער דער באַשלוס איז ליידער ניט אויסגעפירט געוואָרן און דער רעפעראַט איז עד־היום געבליבן ניט פאַרעפנטלעכט. (בלויז טיילן פון דעם רעפעראַט געדרוקט אין Wschód 1912 און Nowy Dziennik 1919—20). יידיש איז מ—ן אויסגעקומען צו שרייבן זייער זעלטן, און ער האָט פאַרעפנטלעכט בלויז עטלעכע אַרטיקלען אין פּראָסטיגס "קאַלענדער" ("מיט וואָס פאַר אותיות זאָלען מיר שרייבן יודיש"), אין סאַנאָקער "פאָלקספריינד", אין "לעמ־

בערגער טאָגבלאַט", 1912, און אייניקע
אַנדערע אויסגאַבן, ווי אויך אין די „לי=
טעראַרישע בלעטער" („פּרץ=זכרונות פון
דער יידישער שפּראַך=קאָנפערענץ אין
טשערנאָוויץ"). דערפאַר אָבער האָט
מ. אומגעהייערע פאַרדינסטן פאַר
דער יידישער פילאָלאָגיע. זיין הויפּט=
ווערק אויף דעם געביט איז זיין
גרויס ווערק Die jiddische Sprache— „אַ הי=
סטאָרישע גראַמאַטיק פון דעם אידיאָם
פון די אינטעגראַלע יידן פון מזרח= און
מיטל=אייראָפּע" (פ"ג בנימין האַרץ, בער=
לין — ווין, 1924, ז"ז 322+XV) — איינע
פון די וויכטיקסטע אַרבעטן וועגן דער
יידישער שפּראַך, רייך סיי מיט דעם
מאַטעריאַל איבער דער פאָנעטיק, די
גראַמאַטישע פאָרמען, דעם וואָרטשאַץ, די
אַנטלייונגען אויס יידיש אין פרעמדע
שפּראַכן, סיי מיט היסטאָרישע באַמער=
קונגען און שאַרפזיניקע אויספירן וועגן
דער אָפּשטאַמונג און פאַרשפּרייטונג פון
דער יידישער שפּראַך און איר שייכות
צו די אָדער יענע דיאַלעקטישע גרופּעס
פון דער דייטשער שפּראַך. זייער אינ=
טערעסאַנט און אָריגינעל איז אויך זיין
אַרבעט Die Entstehungsursache der jüdi-
schen Dialekte (פ"ג ר. לעוויט, ווין,
1915, ז"ז 120), וואו דורך אַ גרינדלעכן
אַנאַליז פון דער פראַגע, וועלכע סיבות
האָבן געבראַכט דערצו, אַז יידן האָבן
אין גלות זיך געשאַפן אייגענע לשונות,
בפרט דאָס יידישע, און אין ליכט פון
אַ אומגעהייער רייכן מאַטעריאַל פון דער
אַלגעמיינער עטנאָלאָגיע און פילאָלאָגיע
קומט ער צום אויספיר, אַז די סיבה איז
די באַזונדערע יידישע רעליגיע. אַ ענ=
לעכן טעזיס רוקט ער אויך אַרויס אין
זיין גרויסן ווערק Die Gesetze der Schrift-
geschichte (פ"ג ווילהעלם ברוימיללער,
ווין—לייפּציג, 1919, ז"ז 506), וואו ער
באַהאַנדלט דעם צוזאַמענהאַנג פון אמונה
און כתב אין דעם לעבן פון די פעלקער,
באַרירנדיק אויך די יידישע שריפט און
די יידישע שפּראַך. פון זיינע אַנדערע
וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זיינען אַרויס
אין בוכפאָרם: „הפולנים והיהודים" (קראָ=
קע, 1905, ז"ז 60); „העמים העתיקים
וישראל" (פ"ג „המצפה", קראָקע, 1909,
ז"ז 160); Wkwestji nienawiści rasowej—
אַ פאַראַלעל צו דעם באַרימטן אַנטי=
סעמיטישן בוך פון טשעמבערלען צו
דערווייזן די העכערקייט פון דער יידי=
שער ראַסע לגבי דער אַרישער (לעמ=
בערג—וואַרשע, 1912, ז"ז 128); Germa-
nen und Juden (פ"ג ר. לעוויט, בערלין—
ווין, 1917, ז"ז 46); Zur Rassenfrage
(פ"ג וו. ברוימיללער, ווין און לייפּציג,
1919, ז"ז 182); Der Ursprung des
Judenhasses (פ"ג בנימין האַרץ, בערלין
און ווין, 1923, ז"ז 582). נאָך ניט פאַר=
עפנטלעכט אַ קאַפּיטאַל ווערק, באַרעכנט
אויף 8—10 ב'— די געשיכטע פון דער
יידישער רעליגיע אויס דעם שטאַנד=
פונקט פון דער פאַרגלייכנדיקער רעלי=
גיאָנסוויסנשאַפט. אין אַלע זיינע אַרבעטן
ווייזט מ. אַרויס אַ אומגעהייערע ערודי=
ציע אין די פאַרשיידנסטע דיסציפּלינען
(צו 18 יאָר האָט ער שוין געקענט
ביז אַ צענדלינג שפּראַכן) צוזאַמען
מיט גרויס חריפות אין אויפבויען
און באַגרינדן זיינע סברות. ער
וואוינט אין פשעמישל, וואו ער איז
באַשעפטיקט אַלס קאָלאָניאַל=סוחר. —
זיין ברודער ד"ר יוסף מיזעס,
איצט אייבערראַבינער פון דער פּוי=
לישער אַרמיי, האָט פאַרעפנטלעכט
אַ ליטעראַריש=היסטאָרישע אויספאָרשונג
א"ט — Die älteste gedruckte deutsche
Übersetzung des jüdischen Gebetbuches
a. d. Jahre 1530 und ihr Autor Anto-

nius Margaritha (פ"ג ר. לעווויט, ווין,
1916, ז"ז 57). — זיין שוועסטער, ד"ר
ר ח ל מ י ז ע ס, האָט געשריבן אַ דיסער=
טאַציע וועגן דער פאָנעטיק פון דעם
יידישן דיאַלעקט פון מיטלגאַליציע פאַר
דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון ווינער
אוניווערסיטעט.

סאַנאַקער „פאָלקספריינד", 1911 (אווטאָביאָגראַ=
פישע נאָטיץ); ד"ר מאַקס ווײַנרייך, „שטאַפּלען",
ז"ז 9—10, 29—21; פּראָפּ. שפּיצער, Zft für
Germanische und romanische Philologie,
1921, אחוץ אַ סך אנדערע רעצענזיעס וועגן זיינע
וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

## מײדאַניק אליהו (1882 — 22/V 1904)

געב. אין איליניעץ, קיעווער גוב.
באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דער=
ציִונג, דאָס ער אַלס אַווטאָדידאַקט זיך
באַקענט מיט דער רוסישער און דייטשער
שפּראַך און שוין אַלס 13יעריק
יינגל געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן אין
Восходъ. שפּעטער האָט ער זיך דורכ=
געשלאָגן מיט העברעיִשע שטונדן אין
אָדעס, געלעבט אין גרויס נויט און פאַר=
עפנטלעכט עטלעכע דערציילונגען אויס
דעם יידישן פאָלקסלעבן אין „השלח"
(הקבצן העור", „ענג שבת" א"אַ), וואָס
האָבן געצויגן אויף אים די אויפמערק=
זאַמקייט. דער קעשעניעווער פּאָגראָם
האָט צערודערט די נערוונסיסטעם פון
דעם געפילפולן מ. און ער האָט זיך
פאַרסמט, איבערלאָזנדיק אַזאַ בריוועלע:
„זינט דעם פּאָגראָם אין קעשעניעוו פיל
איך אַ ווייטאָג אין האַרצן. עטלעכע מאָל
געוואָלט זיך נעמען דאָס לעבן. ס'האָט
זיך אָבער ניט איינגעגעבן. דאָסמאָל
וועט זיך, דאַכט זיך, איינגעבן". די אי=
נעווייניקסטע דראַמע, וואָס ער האָט אי=
בערגעלעבט, האָט ער קורץ פאַר זיין
טויט געשילדערט אין אַ דערציילונג
„ברגע האחרון", וואו ס'איז באַשריבן
דער זעלבסטמאָרד פון אַ אינטעליגענטן
בחור, וועלכער געפינט ניט די מעגלעכ=
קייט צו לעבן אונטער דער שטענדיקער
אימה פון פּאָגראָמען. 1908 האָבן זיינע
פריינד אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיי=
נע דערציילונגען („כתבי אליהו מײדא=
ניק, מיט אַן אַריינפיר פון י. פ.). אויף
יידיש האָט מ. פאַרעפנטלעכט אין „יוד"
1900, 20, „אַ בלעטיל פון מיינע קינד=
הייט-זכרונות"—אַ טענדענציעז=סאַנטימענ=
טאַלע ל"ג=בעומר=דערציילונג. זיין דער=
ציילונג „חמץ" איז געדרוקט אין יידיש
אין ב. שימינס „פסח=בלאַט".

ЕЭ, X, ז"ז 806—807.

## מײדאַניק מרדכי (1896—

) געב. אין טראָסטיניעץ, פּאָדאָ=
ליע, אין אַ מיוחסדיקער, אָבער אָרעמער
פאַמיליע. ביז 13 יאָר געלערנט אין
חדר, דערנאָך אַ פּאָר יאָר זיך אָפּגעגעבן
מיט זעלבסטבילדונג. צו 18 יאָר אויס=
געוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער
פאַרנעמט די שטעלע פון אַ דירעקטאָר
פון אַ העברעיִשער שול אין באַסאַוויל=
באַסאָ. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגע=
הויבן 1918 מיט פּובליציסטישע און בע=
לעטריסטישע זאַכן אין אַ העברעיִש=אַר=
גענטינישער צייטשריפט. זינט מאַי 1923
פאַרעפנטלעכט עטלעכע צענדליגג דער=
ציילונגען און סקיצן אין דער בוענאָס=
איירעסער „אידישער צייטונג", ווי אויך
אין נ"י=ער „יידישן טאַגעבלאַט" און די
„יידישע גאַזעטטען", דאָס רוב אויס דעם
לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן אין
אַרגענטינע.

## מײזיל נחמן (1887 — . )

געב. אין אַ רייכעה פרומער פאַמיליע,
פון פאָטערס צד אַן אייניקל פון גרויסע
רבנים אין גאַליציע אויס דער משפחה
מיזילש, פון דער מוטערס—שטאַמט פון
קיעווער גבירים גלאָז=פאַבריקאַנטן. ביז
18—19 יאָר געלערנט אין דער היים
אין קיעוו ביי אייגענע שטוב=מלמדים
תנך, גמרא, פוסקים, חקירה, חב"ד=חסי=

זלמן רייזען

# לעקסיקאָן

## פון דער יידישער ליטעראַטור פּרעסע און פילאָלאָגיע

צווייטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע פאַר-
מערטע און פאַרפולשטענדיקטע אויסגאַבע

צווייטער באַנד
(כ — פּ)

תרפ״ז ווילנע 1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright 1927 by „Wilner Varlag“ B. Kleckin, Wilno.

Z. Rejzen. Leksykon literatury, prasy i filologji żydowskiej. Tom II.

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno.

# באַמערקונגען צו דעם צווייטן באַנד

לויט דעם לכתחילהדיקן פּלאַן האָט דער צווייטער באַנד פֿון דעם „לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" געזאָלט אַנטהאַלטן די אותיות כ—ת. אָבער דער מאַטעריאַל, וואָס איך האָב געהאַט צו באַאַרבעטן, איז אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז די אותיות פּ—ת האָבן געמוזט אויסגעטיילט ווערן פֿאַרן דריטן באַנד, וועלכער וועט אויך ברענגען די מילואים און די תּיקונים צו די ערשטע צוויי בענד, ווי אויך דעם רעגיסטער צו דעם גאַנצן ווערק. די אַלטע יידישע ליטעראַטור, ביז דער מענדעלסאָן־עפּאָכע, וועט אַזוי־אַרום בילדן דעם פֿערטן באַנד פֿון דעם לעקסיקאָן.

דער פֿאַרגעלייגטער צווייטער באַנד פֿון לעקסיקאָן האָט זיך געזעצט אין משך פֿון יאָר 1926, אַזוי אַז די צוגעהעריקע פֿאַקטן און ערשיינונגען פֿון דעם דאָזיקן יאָר האָבן נאָר טיילוויז געקענט אויפֿגענומען ווערן, דערהויפּט — אין די אותיות פֿון פֿאָרנט. אויך מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געקומען אין מיין רשות אין משך פֿון דעם יאָר, האָבן ניט אַלעמאָל געקענט אויסגעניצט ווערן — ווען די באַטרעפֿנדיקע אותיות אין לעקסיקאָן זיינען שוין געווען אויסגעזעצט. פֿון דער אַנדערער זייט האָט מיך די ביזאַהעריקע ערפֿאַרונג געלערנט, אַז איידער אָפּצופּטרן אַ געוויסע פּערזאָן מיט ידיעות און דאַטן פֿון דער צווייטער האַנט, איז בעסער זי דערווייליע איינגאַנצן דורכלאָזן, כּדי צו געבן איר אַן אָרט אין די מילואים לויט אויטענטישערע מאַטעריאַלן, אָפּט אַווטאָביאָגראַפֿישע. אַזוי־אַרום זיינען אין דעם איצטיקן באַנד דורכגעלאָזט אַ גאַנצע ריי נעמען, וואָס וועלן אויפֿגענומען ווערן אין דריטן באַנד, דערפֿאַר אָבער וועלן זיי באַהאַנדלט ווערן מיט דער גאַנצער גענויקייט און אויספֿירלעכקייט, וואָס זיי פֿאַרדינען. באַזונדערס איז גרויס די צאָל דורכגעלאָזטע נעמען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, צוליב דעם וואָס ערשט אין גאָר דער לעצטער צייט איז מיר געלונגען צו קומען אין פֿאַרבינדונג מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין ספּס״ר.

דאָסגלייכן האָב איך, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות און כּדי ניט אָפּצוהאַלטן די אַזוי אויך גענוג פֿאַרשפּעטיקטע ערשיינונג פֿון דעם צווייטן באַנד, דורכגעלאָזט אייניקע פֿאָרשטייער פֿון דער השכּלה־ליטעראַטור, פֿון דער שונד־ליטעראַטור און פֿון דער אַזוי־גערופֿענער שולהויף־ליטעראַטור. אין די מילואים אין דריטן באַנד וועלן די אַלע דורכגעלאָזטע מחברים באַהאַנדלט ווערן לויט די מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצוניצן ביזאַהער.

אויך האָבן מיר געפּעלט, ווי פאַר דעם ערשטן באַנד, פון אַ גאַנצער ריי פּערזאָנען בילדער, און אויף וויפיל מיר וועט סוף-כל-סוף געלינגען זיי צו באַקומען, וועלן זיי רעפּראָדוצירט ווערן אין די ווייטערדיקע אויסגאַבן און סופּלע־מענטן פון לעקסיקאָן.

אָפּלייגנדיק אויף דעם דריטן באַנד אויך די אויסבעסערונג פון דרוקפעלערן וכדומה, מוז איך אויף דעם אָרט פאַרריכטן דעם העכסט באַדויערלעכן גרייז בנוגע דעם העברעיש-יידיש-רוסישן שריפטשטעלער ד״ר שלמה סקאָמאָראָווסקי, דעם געוועזענעם זשיטאָמירער ראַבינער, וועגן וועלכן אַ זייער נאָענטע פּערזאָן האָט מיך אינפאָרמירט, אַז ער איז געשטאָרבן. צום גליק האָט זיך די דאָזיקע אינפאָרמאַציע אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש, און ד״ר שלמה סקאָמאָראָווסקי, וועל־כער לעבט איצט אין קיעוו, וועט מיר האָפנטלעך מוחל זיין, וואָס איך בין פאַרפירט געוואָרן אין דעם פּרט (מתקן צו זיין דאָס אויף דעם געהעריקן אָרט איז שוין ניט געווען מעגלעך, ווייל דער געהעריקער בויגן איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן פריער און אַן אויספירלעכערע געניע ביאָגראַפיע פון ד״ר שלמה סקאָ־מאָראָווסקי וועט קומען אין דריטן באַנד).

*
* *

וועגן אַלע אַנדערע באַמערקונגען, אָפּשיקנדיק דעם לעזער צו דעם ערשטן באַנד לעקסיקאָן, וויל איך דאָ נאָר איבערחזרן מיין בקשה צו אַלע יידישע שריפט־שטעלער, זשורנאַליסטן, פילאָלאָגן, איבערזעצער, פאַרלעגער, בכלל צו אַלע פריינד פון יידישן וואָרט: העלפט מיר מיט אין דער אַרבעט צו פאַרבעסערן און פאַרפולקומען דעם לעקסיקאָן! שיקט צו *) ביאָגראַפיעס פון יידישע שריפטשטע־לער, בפרט פון עלטערע, פאַרשטאָרבענע, פון ווייניק באַקאַנטע; שיקט צו ביב־ליאָגראַפישע ידיעות וועגן זעלטענע יידישע ביכער, צייטשריפטן, מאַנוסקריפטן אדג״ל; ווייזט דעם אַוטאָר אָן די פעלערן און גרייזן פון זיין ווערק. די דאָזיקע אַלע דאַטן און תיקונים וועלן מיט דאַנק אויסגעניצט ווערן.

ז ל מ ן  ר י י ז ע ן

---

*) איפּן אדרעס: ז. רייזען, גרוים-פּאָהוליאַנקע 11, וו' 10, ווילנע.

צו קלמן מרמר,

אין ניו=יאָרק

ווייער געערטער פריינד און קאָלעגע!

איך האָף, אַז איר וועט אין אייער באַשיידנקייט ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג פון דער עפנטלעכקייט אַרויסצוזאָגן אייך דעם טיפסטן און האַרציקסטן דאַנק, וואָס איך בין אייך שולדיק פאַר אייער איבערגעגעבענער און אומאייגננוציקער הילף אין מיין שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. אויב מיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע“ שפיגלט צום געטרייסטן אָפּ די פאַקטן און ערשיינונגען פון דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין אַמעריקע — איז דאָס אייך צו פאַרדאַנקען אין אַ גאָר היבשער מאָס. ביי אייער גרויסער בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע, ביי אייערע פריינדלעכע באַציִונגען מיט די פאַרשיידנסטע יידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, האָט איר ניט געשפּאָרט אויך אייער צייט און מי, כּדי צו שאַפן מיר דעם געהעריקן מאַטעריאַל פאַר דעם לעקסיקאָן. מיר זיינען פערזענלעך ניט באַקאַנט, און די דאָזיקע גרויסע אַרבעט האָט איר געטאָן אויסשליסלעך אויס ליבשאַפט צו אונזער ליטעראַטור און שפראַך. און אַזוי ווי איך האָב ניט קיין אַנדערע מעגלעכקייט צו באַלוינען אייך פאַר אייער ווערטפולער און אומפאַרבייטלעכער מיטאַרבעט, טאָ נעמט זשע אָן די דאָזיקע שורות אַלס אויסדרוק פון מיין דאַנקבאַרקייט צו אייך.

מיט גרויס דרך־ארץ

דער מחבר

ווילנע, 10 טעג אין אב תרפ״ז